**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/4/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז אכט קאונטיס האבן באקומען מער פון 2.7 מיליאן דאלאר אין סטעיט מעטשינג פאָנדס דורך די מיטגעטיילטע סערוויסעס איבערן קאונטי אונטערנעמונג**

***קאונטיס האבן איינגעפירט א סעריע פון מיטגעטיילטע סערוויסעס פראיעקטן צו העלפן שפארן טעקס געלטער***

***סטעיט באשטעטיגט 95% פון די סומע געשפארטע געלטער אויפגעטריבן דורכן איינפירן נייע און לאקאל-צוגעפאסטע מיטגעטיילטע סערוויסעס פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאַיוּגע, טשימאָנג, קלינטאן, קאלאמביע, דאָטשעס, ערי, מעדיסאן און ניאגרא קאונטיס האבן צוזאמען באקומען א סך הכל פון מער פון 2.7 מיליאן דאלאר אין סטעיט מעטשינג פאָנדס דורך די מיטגעטיילטע סערוויסעס איבערן קאונטי אונטערנעמונג (County-Wide Shared Services Initiative, CWSSI). אין לויף פון דעם פיסקאלע יאר, האט די CWSSI צוגעשטעלט א 95 פראצענט מעטש פון די סומע פון געשפארטע טעקס געלטער ערגרייכט דורכן איינפירן נייע מיטגעטיילטע סערוויסעס אייגנארטיג פאר יעדע קאונטי וועלכע זענען פלאנירט געווארן אלץ רעזולטאט פון די אונטערנעמונג. די קאונטיס'ס פלענער האבן אנגעוויזן אויף וועגן צו צוזאמשטעלן סערוויסעס און שפארן טעקס געלטער דורכן זיין שפארזאם מיט סערוויסעס און קאמיוניטי פראגראמען פון די רעגירונג.

"אלץ רעגירונג בעאמטע איז עס נישט נאר אונזער פאראנטווארטליכקייט צו פארזיכערן אז טעקס געלטער ווערן גענוצט קלוגערהייט און שפארזאם, נאר עס איז אויך קריטיש וויכטיג אז מיר זאלן ארבעטן כסדר צו טרעפן וועגן צו איינשפארן געלט פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך אפלאדיר די פירערשאפט און שעפערישקייט פון די אכט קאונטיס, און איך באדאנק אלע וועלכע האבן געארבעט אויף די פלענער פארן טרעפן קלוגע וועגן וויאזוי צו שניידן קאסטן און צוריק לייגן געלט צוריק אין די טאשן פון ניו יארקער וועלכע צאלן טעקס."

די פונקטליכע ציפערן פאר יעדע קאונטי וואס האט באקומען מעטשינג פאָנדס לויט דעם ראיאן איז ווי פאלגנד:

**מערב ניו יארק**

- **ערי קאונטי - באקומען $148,957 אין סטעיט מעטשינג פאָנדס:** ערי קאונטי האט פארברייטערט איר פראגראם זיך צו צוזאמענשטעלן פאר יוטיליטיס ( Utilities Aggregation

program) צו טשיקטאָוואַגא טאַון, און קאַלינס און נאָרט קאַלינס האבן מיטגעטיילט איין אפשאצער כדי צו איינשפארן טעקס געלטער.

- **ניאגרא קאונטי - באקומען $392,027 אין סטעיט מעטשינג פאָנדס:** ניאגארא קאונטי האט איינגעפירט איבער די גאנצע קאונטי א דיגיטאלע בילד מעסטונג פראיעקט וואס ערלויבט לאקאלע רעגירונגען צו זעהן בילדער פון די לופט צו ארויסהעלפן צו אינפארסירן געזעצן און אפשאצונגען פון וויפיל טעקס מענטשן דארפן צאלן פאר זייערע לאָטס (טעקס פּאַרסעלס). ניאגארא קאונטי האט זיך אויך פארנומען מיטן מייעץ זיין אין די אנגעלעגנהייטן פון מיסט מענעדזשמענט מיט ניאגארא פאָלס סיטי און נאָרט טאָנעוואַנדא צו איבערקוקן און איינפירן ענדערונגען אין פארבינדונג מיט זייערע רייניגונג און ריסייקלינג פארזאמלונג פראגראמען. צום שלוס, ניאגארא קאונטי האט אויך מיטגעטיילט IT סערוויסעס מיט פענדלעטאן טאַון און מיטגעטיילט א מאשין וואס קראצט אפ די ראָוד מיט ניופעין טאַון.

**דרום טייל ראיאן**

- **טשימאָנג קאונטי - באקומען $110,755 אין סטעיט מעטשינג פאָנדס:** טשימאָנג קאונטי האט זיך פארנומען מיט אכט טאַונס און ווילעדזשעס מיט פובליק ארבעט שותפות'ן און IT שטיצע צו איינשפארן געלט. איין וויכטיגע פראיעקט וואס די קאונטי האט איינגעפירט איז געווען צו נוצן Laserfiche טעכנאלאגיע צו מאכן זייערע רעקארדס דיגיטאל און צו מאדערניזירן רעקארד האלטונג פאר עלמירע סיטי, האָרסהעדס ווילעדזש און עשלענד, מילפארט און האָרסהעדס טאַונס.

**צענטראל ניו יארק**

- **קאַיוגע קאונטי - באקומען $406,601 אין סטעיט מעטשינג פאָנדס:** קאַיוגע קאונטי האט איינגעפירט צוויי קאסטן איינשפארנדע פראיעקטן. אין 2018 האט קאַיוגע קאונטי זיך אנגעשלאסן מיט אָבאורן סיטי צו רענאווירן די סיטי'ס קלענערע ליגע בעיסבאל סטאדיום פאָלקאן פארק צו גענוצט ווערן אלץ א געמיינזאמע ספארטסלער איינריכטונג דורך אָבאורן סיטי און קאַיוגע קאמיוניטי קאלעדזש פאר דריי קאלעדזש ספארטלער טיעמס. אין איר צווייטן פראיעקט האט די קאַיוגע קאונטי אפיס פון ריעל עסטעיט פראפערטי טעקס סערוויסעס ( Cayuga County Office of Real Property Tax Services) צוגעשטעלט אפשאצונג סערוויסעס פאר ספרינגפארט טאַון.
- **מעדיסאן קאונטי - באקומען $161,804 אין סטעיט מעטשינג פאָנדס:** צו איינשפארן געלט האט מעדיסאן קאונטי מיטגעטיילט IT סערוויסעס מיט סאָליוען טאַון. די קאונטי האט אויך צוגעשטעלט הייוועי סערוויסעס פאר אָניידע סיטי און פאר די טאַונס סטאָקברידזש, סמיטפיעלד, קעזענאָוויע, מעדיסאן, נעלסאן, העמילטאן, סאָליוען, דזשאָרדזשטאַון, ברוקפיעלד, דע ריוטער, לעבאנאָן, לענעקס, איטאן און פענער. אין צוגאב האט מעדיסאן קאונטי מיטגעטיילט שניי שארער סערוויסעס מיט קעזענאָוויע, מעדיסאן, סטאָקברידזש און סאָליוען טאַונס.

**North לאנד**

- **קלינטאן קאונטי - באקומען $116,168 אין סטעיט מעטשינג פאָנדס:** קלינטאן קאונטי האט פארווירקליכט איינשפארונגען דורך פראיעקטן פאר עטליכע טאַונס זיך צו צוזאמשטעלן פאר אפלויף וואסער אפאראטארן, אויספלאסטערן געסער און וועבזייטל סערוויסעס. די קאונטי האט אויך ערמעגליכט דאס געמיינזאמע אפקויפונג פון הייסע האלטער פאר פעך (אספאלט האַט באַקס) פאר אָסעבעל און פערו טאַונס.

**הויפטשטאט ראיאן**

- **קאלאמביע קאונטי - באקומען $247,750 אין סטעיט מעטשינג פאָנדס:** קאלאמביע קאונטי האט געארבעט צוזאמען מיט עטליכע טאַונס אויף פינף פראיעקטן, אריינרעכענענדיג מענעדזשמענט אינפארמאציע סערוויסעס, מענטשליכע ארבעטסקראפט טרענירונג, געמיינזאמע קויפונג פון אפיס סופלייס און ריעל עסטעיט ציפערן און ווידער-אפשאצונג סערוויסעס.

**מיטל-האדסאן**

- **דאָטשעס קאונטי - באקומען $1,199,480 אין סטעיט מעטשינג פאָנדס:** דאָטשעס קאונטי האט איינגעפירט עטליכע מאסנאמען צו שפארן טעקס געלטער, אריינרעכענענדיג א קאָאו-אפעראטיוו צו קויפן זאלץ, געמיינזאמע קויפונג פון פובליק זיכערהייט סאָפטווער, געמיינזאמע קויפונג פון אפלויף וואסער עקוויפמענט פאר לאקאלע רעגירונגען און מיטגעטיילטע קאר/טראק זיכערהייט עקוויפמענט.

**עקטינג סעקרעטערי אָוו סטעיט ראַבערט דזש. ראָדריגעז האט געזאגט,** "קאַיוגע, טשימאָנג, קלינטאן, קאלאמביע, דאָטשעס, ערי, מעדיסאן און ניאגרא קאונטיס פארשטייען אלע די קריטישע וויכטיגקייט פון ארבעטן צוזאמען צו איינשפארן טעקס געלטער פאר די איינוואוינער פון זייערע קאמיוניטיס. די מיטגעטיילטע סערוויסעס איבערן קאונטי אונטערנעמונג האט זיי אינספירירט צו ארבעטן מיט לאקאלע רעגירונגען צו טרעפן שעפערישע וועגן צו איינשפארן געלט און מאכן די רעגירונג מער שפארזאם דורכן מיטטיילן סערוויסעס וועלכע וועלן ברענגען פאזיטיווע רעזולטאטן און איינשפארונגען וועלכע חזר'ן זיך איבער פאר פילע צוקונפטיגע יארן."

**קלינטאן קאונטי עקזעקיוטיוו מאַרק הענרי האט געזאגט,** "עס דערפרייט מיר זייער אז אונזערע לאקאלע רעגירונגען האבן געקענט ארבעטן צוזאמען און אנטוויקלען אונטערנעמונגען אין א באמיאונג צו איינשפארן אונזערע טעקס געלטער בשעת'ן מאכן אז אונזערע סערוויסעס זאלן זיין מער ווירקזאם איבער די גאנצע קאונטי. מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס איבערגעגעבנקייט צו די נארט קאנטרי ראיאן מיטן פארזעצן די מעטשינג פאר די איינגעשפארטע געלטער. קלינטאן קאונטי וועט פארזעצן צו אויפקומען מיט געדאנקען צוזאמען מיט לאקאלע פירער פאר צוקונפטיגע איינשפארונגען."

**קאלאמביע קאונטי טשעירמאן מעט מיורעל האט געזאגט,** "קאלאמביע קאונטי און אירע לאקאלע רעגירונגען האבן זיך באטייליגט מיט עקסטאז אין דעם מיטגעטיילטע סערוויסעס פראגראם. מיטגעטיילטע סערוויסעס האבן איינגעשפארט געלטער סיי פאר די קאונטי און סיי פאר די לאקאלע רעגירונגען וואס האט איינגעשפארט געלט פאר די בירגער וועלכע צאלן טעקס."

**ניאגרא קאַונטי טשעיר פרוי רעבעקא ווײדיש האט געזאגט,** "ניאגארא קאונטי האט אריינגעלייגט א געוואלדיגע מאס פון מיהען אין אונזער מיטגעטיילטע סערוויסעס פלאן, און איך באדאנק אונזער קאונטי מענעדזשער און לאקאלע רעגירונג שותפים פאר זייער גוטע ארבעט. מיר מוזן פארזעצן צו זוכן וועגן צו קאלאבארירן און ארבעטן צוזאמען אין וועגן וואס ברענגען רעזולטאטן פאר בירגער וועלכע צאלן טעקסעס פאר ביליגערע קאסטן."

**טשימאָנג קאונטי עקזעקיוטיוו קריסטאפער מאָס האט געזאגט,** "מיר באדאנקען ניו יארק סטעיט און גאווערנער האקול פארן פארזעצן מיט דעם CWSSI פראגראם וועלכע ערלויבט פאר לאקאלע רעגירונגען צו אהערשטעלן אייגנארטיגע מיטגעטיילטע סערוויסעס שותפות'ן וועלכע פירן ביים ענדע צו איינגעשפארטע טעקס דאלארן. טשימאנג קאונטי האט א לאנגע היסטאריע פון זוכן און איינפירן מיטגעטיילטע סערוויסעס, און דער פראגראם בענעפיטירט אסאך צו די באמיאונגען."

**דאָטשעס קאונטי עקזעקיוטיוו מאַרק מאָלינעראָו האט געזאגט,** "דאָטשעס קאונטי איז געווען א פירער אין די סטעיט מיט מיטגעטיילטע סערוויסעס פאר יארן לאנג, און אונזערע אנגייענדע באמיאונגען האבן איינגעשפארט פאר לאקאלע בירגער וועלכע צאלן טעקס מיליאנען דאלארן אין לויף פון די פארגאנגענע צען יאר. איך בין שטאלץ אז ניו יארק סטעיט האט אנערקענט דאָטשעס קאונטי'ס אנגייענדע ווילן צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע לאקאלע רעגירונג שותפים, אלעס פאר די בענעפיט פון אונזערע לאקאלע איינוואוינער, און מיר וועלן פארזעצן צו טרעפן שותפות'ן וועלכע שפארן איין איינוואוינער'ס שווער-פארדינטע געלט."

**מעדיסאן קאַונטי אדמיניסטראטאר מאַרק סימאָון האט געזאגט,** "אלץ פארזיצער פון די מעדיסאן קאונטי מיטגעטיילטע סערוויסעס פאנעל (Madison County Shared Services Panel) און געוועזענער באקומער פון די מיטגעטיילטע סערוויסעס אונטערנעמונג, טוה איך פארזעצן צו זוכן נאך וועגן דורך וועלכע אונזערע לאקאלע רעגירונגען קענען ארבעטן צוזאמען צו ברענגען א העכערע שטאפל פון סערוויסעס פאר אונזערע איינוואוינער. די מיטגעטיילטע סערוויסעס פאנעל און די באָורד אָוו סופערווייזארס האבן באשטעטיגט א פלאן פאר 2022 וואס האט געטראפן סך הכל געשאצטע יערליכע איינשפארונגען פון $440,000 מיט מיטגעטיילטע אפמאכן צווישן די קענעסטאָוטע צענטראלע סקול דיסטריקט און די הויפטשטאט ראיאן BOCES פארמאסי קויפונג פאראיין ( Capital Region BOCES Pharmacy Purchasing Coalition), טשיטענענגאָו ווילעדזש און סאָליווען טאַון."

**קאַיוגע קאונטי עקזעקיוטיוו דעיוויד גוּלד האט געזאגט,** "קאַיוּגע קאונטי איז דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט און גאווערנער האקול'ס אפיס פאר די געלטער פון די מיטגעטיילטע סערוויסעס איבערן קאונטי אונטערנעמונג. מיר קוקן ארויס צו טרעפן נאך געלעגנהייטן פאר אונז צו ארבעטן צוזאמען אויף אונטערנעמונגען וועלכע בענעפיטירן אונזער קאמיוניטי און שפארן איין טעקס געלטער.

דער CWSSI ברענגט מען זאל שפארן געלט אויף פראָפערטי טעקס דורך פארמיטלען צוזאמענארבעט צווישן ארטיגע רעגירונגען איבער'ן סטעיט. דאקומענטן מיט אנווייזונגען איבער די CWSSI און סטעיט מעטשינג פאָנדס אפליקאציע פראצעדור, ווי אויך געוועזענע CWSSI פלענער, זענען צו באקומען [דא](#).

די מיטגעטיילטע סערוויסעס איבערן קאונטי אונטערנעמונג ווערט פארטיילט דורך דעם דיוויזיע פון לאקאלע רעגירונג סערוויסעס (Division of Local Government Services) ביי די סטעיט דעפּארטמענט. די דיוויזיע גיבט טעכנישע הילף און פארמעסטערישע גרענטס צו ארטיגע רעגירונגען. פאר מער אינפארמאציע איבער CWSSI אדער סיי וועלכע פראגראמען אנגעפירט דורך דעם דיוויזיע, פארבינדט אייך ביטע אויף localgov@dos.ny.gov אדער רופט 518-473-3355.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן